העלען לאָנדינסקי

# אין שפּיגל פון נעכטן

## זכרונות

שער־בלאַט געצייכנט פון ברוך מערין

HELEN LONDYNSKI

# IN THE MIRROR OF YESTERDAY

## (In Shpigl Fun Nechtn)

Copyright, 1972
by
HELEN LONDYN
518 West 111th Street
New York, N. Y. 10025

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פֿון
**העלען לאָנדינסקי בוך־קאָמיטעט**

PRINTED IN U. S. A.
by:
KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96

# כ׳אַנטלויף פֿון דער היים

צוריק אין וואַרשע נעמט זיך לאַנדינסקי מיט אַ באַנײַטער ענערגיע צו זײַן אַרבעט, ווי אַ שרײַבער און לערער. איך באַזוך אים טאָג־טעגלעך. ניט געקוקט אויף דער שטרענגער וואַך אַרום מיר אין דער היים, לקחען איך וואָס עס לאָזט זיך פֿון קרעדענץ אין עסצימער און טראָג אַוועק פּעקלעך עסנוואַרג צו לאַנדינסקין. מאַכט זיך איין מאָל אין אַ נאָכמיטאָג, מײַן ברודער איז אין דער היים, כ׳בין שוין גרייט אַרויסצוגיין מיט מײַן צוגעגרייטן האַנט־בײַטל, ווו כ׳פֿאַרשטעק געווייִנטלעך די געלקחנטע שפּײַז. פּלוצלונג קלינגט מען בײַ דער טיר. אין אײַלעניש פֿאַרבאַהאַלט איך מײַן האַנטבײַטל אינעם בעט פֿון טאַטע־מאַמעס שלאָפֿצימער.

מײַן ברודער פֿאַרכאַפּט מיר דעם וועג, לויפֿט עפֿענען די טיר און זעט מיך פֿאַרבאַהאַלטן דאָס פּעקל אין בעט. געקומען איז דער טאַטע.

אַ ציטערניש גייט מיר דורך אַלע מײַנע גלידער. ס׳קלאַפּט מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן. מיאוס אַרײַנגעפֿאַלן, טראַכט איך, און אָן אומבאַהאָלפֿענע וואַרט איך אויפֿן פּסק־דין, אויף מײַן שוואַרצן סוף, נאָכן אויסהערן מײַן ברודערס מסירה.

— שאַ, שאַ... שטופּט מײַן טאַטע אַוועק מײַן ברודער פֿונעם שלאָפֿ־צימער — גיי, חיהלע, אַראָפּ אין געוועלב אַרײַן, די מאַמעשי דאַרף אַוועקגיין.

אַ צעטומלטע כאַפּ איך גיך אַרויס מײַן האַנטבײַטל מיטן באַהאַלטענעם „אוצר" און לויף אָן אָטעם אַרײַן צו מײַן שילערין, וואָס העלפֿט אַרויס איר פֿאָטער אין זײַן געוועלב, וואָס לעבן אונדזער טויער, און זאָג צו איר: באַהאַלט מיר גוט דאָס פּעקל, סאַלטשיע, כ׳וועל עס שפּעטער אָפּנעמען.

מײַן שילערין שמייכלט, פֿאַרשטייט, אַפּנים, מײַן פֿאַרלעגנהייט: „זי קענען זײַן רויִק, קיינער וועט דאָס פּעקל ניט טשעפּען".

נאָך אַלץ אַ צערודערטע קום איך אַרײַן אין אונדזער אײַזנקראָם.

„וואָס ווילסטו?" — פֿרעגט מײַן מאַמע. זי וווּנדערט זיך: ווען שמעקט דאָס איר טאָניע (טאָכטער) אַרײַן אין איר געוועלב?

כ׳גיב איר איבער, וואָס דער טאַטע האָט מיר באַפוילן, וווּנדערט זי זיך נאָך מער: „ניין, וואָס פֿאַלט אים איַין? ניין, כ׳דאַרף אין ערגעץ נישט גיין״.

בלײַב איך שטיין אַ געפּלעפֿטע. ס׳טײַטש? די גאַנצע מעשׂה זעט מיר אויס מאָדנע. כ׳דערזע מײַן טאַטן אין אַ גאַנץ אַנדערער באַלײַכטונג. אַ רעטעניש איז ער פֿאַר מיר, מײַן טאַטע. אָט איז ער אַ שטרענגער דעספּאָט, פֿאַרעקשנט, ווי שטאָל וועט ער זיך ניט בייגן פֿאַר קיינעם, וואָס איז קעגן זײַן ווילן, און אָט פֿירט ער זיך גאָר ווי אַן אידעאַליסטישער פּעדאַגאָג.

באַלד קומט אָן מײַן טאַטע. כ׳וואַרף אים צו אַ דיסקרעטן בליק. אַנשטאָט אַ בייזקייט זע איך אַן אומעט אין זײַנע אויגן. פֿון זײַן גאַנצער געשטאַלט שטראָמט איצט צו מיר אַ מאָדנע גוטסקייט. כ׳בין פֿאַרשעמט. כ׳האָב כּמעט חרטה אויף מײַנע מעשׂים, וואָס טוען אים אַזוי וויי.

„איז וואָס האָסטי דאָס טאַקע דאַרט באַהאַלטן אין דײַן טאַרבע?״ — ער זעט אַ לײדיקן האַנטבײַטל, פֿאַרבײַסט ער זײַן אונטערשטע ליפּ: „קענסט שוין גיין ווי די דאַרפֿסט״ — זאָגט ער מיט אַן אָנגעשטעלטער רויִקייט.

כ׳דערשטיק אין מיר דאָס רחמנות־געפֿיל צום טאַטן און גיי אַוועק צו לאַנדינסקין. אין זײַן געזעלשאַפֿט פֿאַרגעס איך די היים און די צײַט.

טרעפֿט, איך קום איין מאָל אַהיים בײַ נאַכט שפּעטער ווי געוויינטלעך. כ׳בין זיכער, אַז אַלע שלאָפֿן שוין, שלײַך איך זיך שטיל אַרײַן אין מײַן צימער. כאַפּט זיך אָבער באַלד אַרײַן צו מיר מײַן ברודער יאַנקל. אַ צעיאַכמערטער שפּרינגט ער צו צו מיר מיט ברענענדיקע אויגן, ווי אַ ווילד הינטל אָפּגעריסן פֿון קייט:

„פֿון וואַנען קימט עס אַ מויד אַזוי שפּעט בײַ נאַכט?״

איך טו אים אַ שטויס אָפּ פֿון מיר און וויל אים אַרויסשטופּן פֿון מײַן צימער. ער לאָזט זיך אָבער ניט, צעבריקעוועט זיך, מיט זײַנע שטאַרקע פֿויסטן שטופּט ער מיך צוריק, נעמט מיך שלאָגן, זידלען און חוזקן:

„ווי וווינט ער דאָס, דער פּושע ישׂראל, דײַן „לאַטעק״ מיט די אויסגעדרייטע שיך?״

כ׳זע, אַז כ׳וועל ניט בײַקומען זײַן ווילדקייט, לויף איך אַרויס פֿון מײַן צימער. אַרײַן אין עסצימער, וווּ עס זיצן זיך רויִק מײַן טאַטע־מאַמע, ווייסן כּלומרשט פֿון גאָרניט.

ווי אַ זיגערישער העלד לויפֿט מיר מײַן ברודער נאָך און פֿאַלט ווידער צו צו מיר מיט געבײלטע פֿויסטן. איך נעם לויפֿן אַרום דעם טיש, ווי אַ

בייזער רוח לויפט ער מיר נאָך. כ׳וואַרף אַ בליק צו טאַטע־מאַמע.ביידע זיצן זיך גאַנץ בנעימות, דער טאַטע — די אויגן צוגעקלעפּט צו אַ בלאַט גמרא, די מאַמע וויקלט פון אַ קנויל די וולישקע אַרום די פינגערס, טוט ניט קיין פינטל מיטן אויג.

„שטילט איַין דעם תּכשיט איַיערן, די ווילדע חיה, אַז נישט, אַז נישט...״ — שריַי איך היסטעריש.

„ני, לאָמאָך טאַקיש זען וואָס די קענסט״ — צעלאַכט זיך מיַין ברודער מיט חוזק. מיר יאָגן זיך אַרום דעם טיש און טאַטע־מאַמע מאַכן זיך ניט זען און שוויַיגן פאַרעקשנט.

הייסט עס, לויפט מיר דורך ווי אַ בליץ אַ געדאַנק, דאָס פּירט יאַנקעלע אויס דעם טאַטעשיס באַפעל. כ׳טו נאָך אַ מאָל אַ בליק אויף טאַטע־מאַמע און מיט רוגזה לויף איך אַרויס פון שטוב. פאַרקנאַק הינטער מיר די פראָנטטיר און לויף אַראָפּ פון די שטיגן. איך קוק זיך ניט אום, אָבער זיכער בין איך, אַז די מאַמע לויפט מיר נאָך. ס׳קען דאָך ניט זיַין, אַז זי זאָל מיך לאָזן לויפן אויף דער גאַס אַזוי שפּעט ביַי נאַכט. איך בין שוין אין טויער, כ׳הער ניט דער מאַמעס קול. כ׳קוק זיך אום — מער ווי מיַין אייגענעם שאָטן זע איך ניט. פאַרטראַכט איך זיך אַ ווײַלע, וואָס זאָל איך איצט טאָן? גיין צוריק אַהיים? ניין, נאָר נישט צוריק! כ׳גיב דעם „סטרוזש״ אין טויער אַ מטבע אין האַנט אַריַין, ער עפנט פאַר מיר דאָס טויער און לאָזט מיך אַרויס.

אין געראַנגל מיט זיך אַליין: יאָ גיין, נישט גיין, שפּאַן איך אַוועק צו מיַין שוועסטער שאָשקע, וואָס וווינט צום נענטסטן פון אונדזער היים.

מיַין שוועסטער איז געווען אַ דערשראָקענע, ווען זי האָט געעפנט די טיר פאַר מיר:

„ווי איז מיר, חיהלע, אַזוי שפּעט? וואָס איז געשען? איז ווער, חלילה, קראַנק אין דער היים?״

— באַרויק זיך, — ענטפער איך איר קאַלט, קאָנטראָלירנדיק מיַינע צעשויבערטע נערוון — ס׳האָט גאָרנישט פּאַסירט, ס׳איז קיינער ניט קראַנק, אַלץ וואָס איך וויל, איז איבערנעכטיקן היַינט ביַי דיר.

מיַין שוועסטער שטויסט זיך שוין אַליין אָן וואָס עס איז געשען און נעמט מיך מוסרן אויף דער מאַמעס שטייגער:

— דו באַרעכנסט גאָר נישט וואָס דו טוסט. קיין נאָר ביסטו נישט! פירסט זיך אָבער ווי אַ נאַריש קינד. דו ביסט מבייש דעם טאַטעשי און ברענגסט אויף אונדז חרפּה. גלייב מיר, דער טאַטעשי איז נאָר אויסן דיַין טובֿה, נישקשה, קענסט זיך אויף אים פאַרלאָזן, ער וועט, מיט גאָטס הילף, אויסגעפינען אַ פיַינעם חתן פאַר דיר.

איך פֿאַרשטאָפּ זיך די אויערן מיטביידע הענט און בעט מײַן שוועסטער מיך לאָזן צו רו, כ׳בין ניט געקומען צו הערן אירע דרשות. מײַן שוועסטער הערט אָבער ניט אויף צו טענהן:

— ביסט נאָך יונג. חיהלע, דו פֿאַרשטייסט נישט דאָס לעבן. דו מיינסט, אַז מען מוז פֿירן אַ ליבע פֿאַר דער חתונה? עט, נאַרישקייטן, אײַנגערעדטע זאַכן. די גאַנצע ליבע־שמיבע איז נישט ווערט קיין דרײַער, אַז מען האָט חתונה, געוווינט מען זיך שוין צו און מע האָט ממילא ליב דעם מאַן.

— כ׳פֿאַרשפּאַר מיט דיר צו ריידן. דו געהערסט נאָך צום אַלטן דור. דו וועסט מיך סײַ ווי ניט פֿאַרשטיין און איצט לאָז מיך שלאָפֿן.

מיט אַ טיפֿן קרעכץ, אַ רעזיגנירטע, גייט מײַן שוועסטער אַרײַן אין איר שלאָפֿצימער און לאָזט מיך איבער אַליין מיט מײַנע געדאַנקען.

צו מאָרגנס, גאַנץ פֿרי, ווען אַלע זײַנען נאָך פֿאַרטיפֿט אין שלאָף, טראָג איך זיך אָפּ שטילערהייט פֿון מײַן שוועסטערס דירה.

דאָס קילע ווינטל אויף דער גאַס גלעט מיך צאַרט איבערן פּנים און בלאָזט אַוועק מײַן צעטראָגן געמיט.

ווי אַ שטורעמווינט פֿאַל איך אַרײַן אין לאָנדינסקיס צימער. ער זיצט בײַם שרײַבטיש, פֿאַרטיפֿט אין זײַן אַרבעט, זעצט איבער קאוטסקיס „די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט״ פֿאַרן פֿאַרלאַג „לעבנס־פֿראַגן״.

— אַזוי פֿרי, מײַן העלוש? — זײַן פּנים שטראַלט מיט פֿרייד, באַלד קוקן די אויגן אָבער אויף מיר מיט שרעק און איבערראַשונג — ווער האָט דאָס אַרויסגעטריבן מײַן שיין פֿייגעלע פֿון זײַן וואַרעמען נעסט אין דעם פֿרי׳ען פֿרימאָרגן? וואָס האָט פּאַסירט? עפּעס ביסטו מיר הײַנט אַזוי בלאַס, דו פֿיבערסט דאָך אין גאַנצן, ווי אין היץ — קוקט לאָנדינסקי מיר טיף אין די אויגן, ווי ער וואָלט וועלן אַרויסלייענען וואָס עס קומט פֿאַר אין מיר.

— וועגן וואָס פֿאַר אַ וואָרעם נעסט רעדסטו מיר? דו ווייסט דען נישט, אַז ס׳איז מיר קאַלט אין מײַן היים, קאַלט — פֿאַרגליווערט צו ווערן, — און איך דערצייל אים וועגן מײַן צוזאַמענשטויס מיט מײַן ברודער און וועגן מײַן באַשלוס מער זיך ניט אומצוקערן אַהיים.

לאָנדינסקי פֿאַרטראַכט זיך, לאָזט אַראָפּ באַזאָרגט דעם קאָפּ. נאָך אַ קורץ שווײַגן רופֿט ער זיך אָפּ: — דו גיסט זיך ניט אָפּ קיין חשבון, וואָס דאָס מיינט זיך צו פֿאַרבינדן מיט אַן אָרעמען דיכטער. דו ביסט צו סענסיטיוו, צו צאַרט צו קענען בײַקומען די אַלערליי צרות, וואָס דאָס לעבן קען דיר אַנטקעגנטראָגן. נישטאָ קיין רויזן אַן דערנער. איך טראַכט, אַז איך טאָר דיך ניט אויסשטעלן פֿאַר אַזאַ שווערן און ביטערן נסיון. דאָס לעבן איז טאַקע פֿול מיט ליכט, אָבער אויך מיט שאָטן. ס׳וואָלט זײַן עגאָיסטיש פֿון מײַן זײַט, מײַן טײַערע...

— וואָס האָסטו מורא, כ׳וועל ניט קענען הונגערן, גלײַך ווי דו? פֿאַרלאָז זיך אויף מיר, איך האָב גענוג פּראַקטישן שׂכל, כ׳בין דאָך ניט קיין דיכטערין. כ׳וועל צווינגען מײַן טאַטן מיר צו העלפֿן, גלײַך ווי ער האָט געהאָלפֿן מײַנע שוועסטערס. צוריק אַהיים וועל איך איצט ניט גיין. זיי וועלן דאָך פֿון מיר נאָך מער חוזק: אַ גרויסער שטורעם און אַ קלײנער רעגן. און כ׳שיט אויס אויפֿן טיש מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן, עטלעכע רובל, פֿון מײַן האַנטבײַטל.

— אויב דו ווערסט וועלן מיט מיר עסן אין דער „אַרבעטער־קיך”, וועט זײַן גענוג געלט פֿאַר אַ וואָך צײַט — זאָגט לאַנדינסקי אַ ביסל אַ פֿאַרשעמטער.

— אַוודאי וועלן מיר ניט עסן בײַ פּיקאַדילי און אַוודאי וועל איך ניט גיין וווינען אין האָטעל אייראָפּייסקי.

ס׳איז יום־טובֿ אין דער וואָכן, כאָטש ווו געטאָגט איז ניט געגעכטיקט. שוין צוויי מעת־לעת בין איך אַוועק פֿון דער היים, ס׳שײַנט די זון אין מיר און אַרום מיר. כ׳פֿלאַטער אַרום — אַ פֿרײַער פֿויגל בין איך.

די נײַע גרויסע פּראָבלעם איז איצט: ווו זאָל איך נעכטיקן? איך גיי דורך אין געדאַנק אַ צעטל פֿון מײַנע חבֿרטעס: האָדעסל ראָזענשטרויך — זי איז מיר צום נענטסטן — אָבער איר היים איז נאָך ערגער ווי מײַנע. אירע פֿאַנאַטישע עלטערן וואָלטן גלײַך געלאָזט וויסן מײַנע, אַזוי אויך אַ ריי אַנדערע. איך שטעל זיך אָפּ אויפֿן נאָמען: רענע באַלבירסקאַ — אַ לע־רערין אין ווינאַווערס מיטלשול. אירע עלטערן זענען פּראָגרעסיווע מענטשן, זיי וועלן פֿאַרשטיין מײַנע איבערלעבענישן אין דער היים.

מײַן חבֿרטע באַלבירסקאַ נעמט מיך אויף מיט אָפֿענע אָרעמס. איר מוטער גיט מיר גלײַך איבער אַ צימער, ווו איך זאָל זיך ניט פֿילן גע־שטערט. איך בין אַ געהאָלפֿענע און באַשליס פֿעסט צו פֿאַרלענגערן מײַן אַוועקזײַן פֿון דער היים.

אויפֿן דריטן טאָג באַווײַזט זיך אין לאַנדינסקיס צימער מײַן שוועסטער שׂרהלע. זי דערציילט מיר, אַז ווען עלטערן האָבן זיך דערוווּסט וועגן מײַן נעכטיקן בײַ שאָשקען, זײַנען זיי דעם ערשטן טאָג פֿון מײַן אַוועקזײַן פֿון דער היים געווען רויִק, דעם צווייטן טאָג אָבער, ווען כ׳האָב זיך בײַ שאָשקען ניט באַוויזן בײַ נאַכט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ טאַ־ראַראַם אין דער היים. מען האָט זי, שׂרהלען, גענומען טרײַבן, אַז זי זאָל מיך גיין אויפֿזוכן, זי מוז וויסן ווו איך בין. זי האָט געשוווירן בײַ אַלעם הייליקן, אַז זי ווייסט ניט, זי האָט שוין געפֿרעגט בײַ מײַנע חבֿרטעס און קיינער האָט מיך אויף די אויגן ניט געזען, פֿאַרפֿאַלן ווי אין וואַסער אַרײַן.



**שׂרהלע (סאַליע) און חיהלע (העלענע) טויבנבלאַט**

פֿאָטאָגראַפֿירט אין 1916

איך גיב מײַן געטרײַער שוועסטער פֿאַראָרדענונגען, ווי אַזוי זי זאָל אָנגיין מיט איר אַרבעט אין דער היים. זי מוז זיך ווײַטער עקשנען, אַז זי זוכט מיך אַרום און ווייסט ניט ווו מײַן געביין איז אַהינגעקומען. זי דאַרף מיר אָבער יעדן טאָג אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן דער שטימונג פֿון מײַנע עלטערן און מיר ברענגען עסנוואַרג, וואָס נאָר עס וועט זיך לאָזן, באַהאַל־טענערהייט, פֿאַרשטייט זיך.

מײַן שוועסטער, דער איבערגעגעבענער שליח מײַנער, פֿירט גוט דורך איר קאָנספּיראַטיווע אַרבעט.

— די מאַמע — דערציילט מיר שׂרהלע — פֿאַרגיסט טרערן, ס'האַרץ זאָגט איר, אַז זי האָט פֿאַרלוירן איר טאָכטער, ווער ווייסט צי זי לעבט נאָך, צי זי האָט זיך ניט, חלילה, אַ מעשׂה אָנגעטאָן. דער טאַטע גייט אַרום אַ פֿאַרוואָלקנטער, מיט פֿאַרביסענע ליפּן, און שווײַגט.

אויפֿן אַכטן טאָג פֿון מײַן אַנטלויפֿן פֿון דער היים באַווײַזט זיך מײַן שוועסטער אַ דערשלאָגענע. זי קען מער ניט אָנגיין מיטן אָפּנאַרן די עלטערן — זאָגט זי — זיי צעברעכן איר דאָס האַרץ, ס'מוז נעמען אַ סוף.

— אויב אַזוי זאָג איך מײַן שוועסטער — גיב זיי אויס דעם סוד, אַז דו האָסט מיך געפֿונען בײַ אַ חבֿרטע אויף קאַרמעליצקע גאַס. אויב זיי ווילן, איך זאָל אַהײמקומען, מוז די מאַמע אָדער שאַשקע מיך קומען פֿירן אַהיים און פֿריִער מיך פֿאַרזיכערן, אַז כ׳וועל מער ניט האָבן קיין גיהנום אין דער היים, אַז קיינער וועט מיך מער ניט פּײַניקן. זיי מוזן פֿאַרזאָגן זייער בענאַק, אַז ער זאָל אויפֿהערן צו פּראָוון מיט מיר זײַנע ווילדע שטיק.

אויפֿן וועג אַהיים פֿרעגט מיך שאַשקע אויס פּרטים וועגן לאַנ־דינסקין. איך דערצייל איר, אַז ער איז אַ לערער אין ווילנע. אויב מען וועט אין דער היים זיך וועלן באַקענען מיט אים, וועט ער זיכער מסכּים זײַן און קומען צו פֿאָרן; אויב אָבער זיי וועלן ווײַטער זײַן אײַנגעשפּאַרט, וועט עס זיי גאָרניט העלפֿן, זיי וועלן גאָרניט פּועלן בײַ מיר. בלויז גורם זײַן, אַז איך זאָל פֿאָרן קיין ווילנע צו מײַן באַשערטן, כ׳וועל פֿאַרשווינדן פֿון זייערע אויגן, ווי דער נעכטיקער טאָג.

מײַן שוועסטער שווײַגט, זי איז, אַפּנים, אין ספֿק, צי איך דערצייל איר דעם אמת. אין דער היים אָבער באַרויִקט זי דעם טאַטן, אַז דער פּושע ישׂראל וווינט גאָר אין ווילנע, מען דאַרף ניט זײַן געפֿאַלן בײַ זיך, ס׳וועט זיך אַלץ אויספּרעסן, מיט דער צײַט וועט די מוידטשיסקע אים פֿאַרגעסן, דערווײַל אָבער דאַרף זײַן שטיל, מע דאַרף זי ניט טשעפּען, נישט שלאָגן, דאָס איז נישט קיין דרך.

אין דער היים איז שאַ־שטיל. טאַטע־מאַמע מײַדן מיך אויס, רעדן ניט צו מיר, כ׳עקסיסטיר ניט פֿאַר זיי. אַ וואַנט פֿון שווײַגן האָט זיך אָוועק־געשטעלט צווישן אונדז. געביטן האָט זיך אָבער מײַן ברודערס באַציִונג צו מיר. ער רעדט צו מיר מיט דרך־ארץ. זײַן געוויסן איז, משמעות, אומרויִק. ער געדענקט גוט דעם צער, וואָס ער האָט פֿאַרשאַפֿן די עלטערן דורך גורם זײַן מײַן אַנטלויפֿן פֿון דער היים. איך מאַך זיך אויך פֿאַרגעסן זײַן ווילד, ברוטאַל האַנדלען קעגן מיר און פּרוביר אים פֿירן אויף אַ לײַטישן וועג. איין מאָל, זײַענדיק אַליין מיט אים, זאָג איך:

— יאַנקעלע, ביסט אַ שיינער בחור, שלאַנק ווי אַ לולבֿ. צום לערנען מיטן טאַטעשי, זע איך, האָסטו ניט קיין גרויסן חשק. דיך ציט נאָר צום מסחר, באַקלאָגט זיך כסדר דער טאַטעשי. טאָ, זאָג מיר, כ׳בעט דיך, וואָס פֿאַר אַ סוחר קענסטו שוין, מ׳שטיינס געזאָגט, זײַן? דו קענסט דאָך אַפֿילו ניט שרײַבן, ניט רעכענען.

דאָס שיינע, אויסגעאיידלטע פּנים פֿון מײַן ברודער ווערט פֿאַרשאַטנט.

— יאָך ווייס, דער טאַטעשי האָט צער פֿין מיר. ער זאָגט, אַז יאָך בין נישט צי גאָט און נישט צי לײַט. יאָ, כ׳בין טאַקע אַ לאָ־יוצלח. טאָ וואָס זאָל יאָך טיִען, ווער וועט מיך לאָרנען?

— איך וועל פֿאַר דיר געפֿינען אַ לערער, זאָרג ניט.

איך שמועס זיך דורך מיט בערנאַרד נאָוואָגרודסקי, לאַנדינסקיס חבֿר, וואָס האָט זיך פֿאַררעקאָמענדירט ווי אַ גוטער לערער און דערציִער. ער האָט אָנגעהויבן קומען צו אונדז אַהיים געבן לעקציעס מײַן ברודער נאָך דעם, ווי מײַן טאַטע האָט מסכּים געווען דערצו.

מײַן ברודער לערנט מיט התמדה, גיט מיר איבער נאָוואָגרודסקי, ער איז פֿעיִק, ווײַזט אַרויס אינטעליגענץ און אַפֿילו אינטערעס צו די שמועסן, וואָס נאָוואָגרודסקי פֿאַרפֿירט מיט אים.

— אַלץ גייט כּשורה — זאָג איך צו מײַן שוועסטער שׂרהלע — צײַט צו ווירקן אויף טאַטע־מאַמע, אַז זיי זאָלן אײַנגיין אויף מײַן שידוך מיט לאַנדינסקין.

מײַן שוועסטער לייגט אײַן וועלטן, נעמט אַרבעטן אויף אַלע כּלים, דער־קלערט דעם טאַטן, אַז לאַנדינסקי שטאַמט פֿון אַ יחוסדיקער משפּחה; דער זיידע אַ מאָדזשיצער רבֿ, דער פֿאָטער איז געווען אַ גערער חסיד.

מײַן טאַטע וויל ניט הערן און שרײַט אַ באַנומענער: „אַ גאַלעבראָדניק נישט בײַ מײַן לעבן! אַ גדולה האָט זי באַטראַסקעט, זי האָט זיך פֿאַר־ליאַפּעט, פֿאַרליאַפּעט האָט זי זיך, די חצופֿה. נײַן, נישט בײַ מײַן לעבן!"

— אָבער טאַטעשי, ס'איז דאָך בעסער צו גיין מיט גוטן, ער וווינט דאָך אין ווילנע, וועט זי דאָך אויך באַלד נאָך דער חתונה פֿאָרן מיט אים קיין ווילנע און מע וועט פּטור ווערן פֿון איר.

— פֿין מײַנעט וועגן קען ער אַפֿילו וווינען אין שאול תּחתּיה. נישט בײַ מײַן לעבן האָב יאָך געזאָגט און די זײַ נישט איר בחנמדיקער שאַלאַטן־שמש — פֿאַרטרײַבט דער טאַטע מיט צאָרן מײַן אומבאַהאָלפֿענע שוועסטער.

פּלוצעם איז געשען אַ גרויס אומגליק אין אונדזער פֿאַמיליע, וואָס האָט אין גאַנצן אָפּגערוקט אָן אַ זײַט די ביטערע קריגערײַ אַרום מיר און לאַנ־דינסקין. מײַן איינציקער ברודער איז קראַנק געוואָרן אויף טיפֿוס, וואָס האָט געבושעוועט אין פּוילן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די גרעסטע דאָק־טוירים ווערן גערופֿן, מע פּירט אויס אויף אים אַלערליי עקספּערימענטן, וועכטערס טרעטן ניט אָפּ פֿון זײַן בעט סײַ בײַ טאָג, סײַ בײַ נאַכט.

איך גיי אויס פֿון רחמנות צום טאַטן. זײַן פּנים בלייך ווי קאַלך, די אויגן רויט פֿון וויינען, ער עסט ניט און טרינקט ניט, אַ שאָטן. ער הערט ניט אויף צו זאָגן תּהילים אין דערבײַיקן צימער פֿון מײַן קראַנקן ברודער. אַלע אין דער היים גייען אַרום פֿאַרמרה־שחורהט.

עס טוט ווי דאָס האַרץ צו זען מײַן ברודערס יסורים. איך נעם זיך שרעקן, זײַן לעבן איז אין אַ סכּנה. אַ פֿרילינגדיקע קנאָספּ פֿון אַ צאַרטער בלום, ער האָט דאָך נאָך ניט באַוויזן אַרײַנצוזאַפּן אין זיך די זאַפֿטן פֿונעם לעבן. כ׳געטרוי ניט די וועכטערס און וואָך מיט זיי בײַ נאַכט לעבן בעט פֿון מײַן קראַנקן ברודער.

יאַנקעלע ליגט ווי אין אַ הינערפּלעט. דאָס פּנים פֿאַרפֿלאַמט פֿון היץ, די אויגן פֿאַרמאַכט, פֿאַרזונקען אין שלאָף, צי אפֿשר גאָר אין חלום, וועגן וואָס חלומט ער?

פּלוצעם טוט ער זיך אַ כאַפּ אויף, מיט אַ צעווילדעוועטן אימפּעט רײַסט ער זיך פֿון בעט, וויל לויפֿן צום פֿענצטער. ס׳האָבן זיך צעשטורעמט און צעצונדן אין אים זײַנע יונגע בלוטן.

„ווי שפּעט איז?" — שרײַט ער ניט מיט זײַן קול, אָבער מיט אַלע כּוחות.

„ס׳איז נאָך פֿרי, יאַנקעלע" — פֿירן מיר אים צוריק צום בעט. יאָ, אוודאי איז נאָך צו פֿרי צו פֿאַרלירן דאָס יונגע לעבן דײַנס, טראַכט איך, האָסט נאָך דעם טעם פֿון לעבן ניט פֿאַרזוכט, ניט באַוויזן אַפֿילו צו זינדיקן.

אַ רעזיגנירטער, אויסגעשעפּט פֿונעם אָנשטרענג, גיט ער זיך אונטער, לאָזט זיך צוריק אַרײַנלייגן אין בעט, פֿאַרזיגלט די בלוילעכע ליפּן און פֿאַרזינקט ווידער אין זײַנע חלומות.

אין דער נאַכט פֿון קריזיס, ווען דער מלאך־המוות האָט שוין אויס־געשפּרייט זײַנע שוואַרצע פֿליגל איבערן בלאָנדן קאָפּ פֿון מײַן זיבעצן־יאָריקן ברודער, גייט די מאַמע מיט מײַנע פֿינף שוועסטערס אײַנרײַסן אין שיל און דער טאַטע מיט זײַנע פֿיר איידעמס זאָגן תּהילים אין דער היים.

כ׳דערהער דאָס טיפֿע קרעכצן פֿון מײַן טאַטן. ס׳פֿאַרגייט די שײַן פֿון זײַן לעבן, ס׳צאַנקט און ס׳לעשט זיך דאָס ליכט, וואָס האָט אים פֿאַר־בלענדט מיט זיבעצן יאָר צוריק, ווען ער האָט מיט שטראַלנדיקער פֿרייד אויפֿגענומען די גליקלעכע בשׂורה: „מזל־טובֿ, אַ בן!" ניין, ניט קיין מתּנה האָט אים דער רבונו־של־עולם געשענקט, בלויז אַ הלוואה באַוויליקט, גע־באָרגט אים בלויז דעם נחת־רוח אויף זיבעצן יאָר. ניין, ניט מקוים גע־וואָרן איז זײַן חלום, ער וועט קיין „קדיש" נאָך זיך ניט לאָזן. אַכזריותדיק ווערט אָרונטערגעריסן זײַן בליִענדיקער צווײַג, און אָפּגעטריקנטער בוים איז ער איצט אַליין, ס׳וועט פֿון אים מער קיין נאָכשפּראָצן ניט זײַן. ניט געהאַט דעם זכות — קען ער פֿון זיך די פֿינצטערע געדאַנקען ניט אָפּיאָגן.

„פֿאַר וואָס ?" — פֿרעגט ער זײַנע פֿרומע אײדעמס — „פֿאַר וואָס, רבונו של עולם, קימט מיר אַזאַ האַרבע שטראָף, מיט וואָס האָב יאָך זיך אַזוי פֿאַרזינדיקט ? אפֿשר וועד יאָך באַשטראָפֿט פֿאַר איר, דער מוידס זינד ?" — דערגייען מיך מײַן טאַטנס קלאָגווערטער פֿונעם דערבײַיקן צימער.

„מע טאָר זיך ניט מיאש זײַן, שווער". — פּרובירט אים טרייסטן זײַן עלטסטער אײדעם מלך — „כּל־זמן ס'קלאַפּט בײַ יאַנקעלען דער דופּק טאָר מען נישט פֿאַרלירן דעם בטחון".

— און אפֿשר, שווער, — הער איך מײַן ייִנגסטן שוואָגער מאָטל, שרהלעס מאַן, — אפֿשר דאַרף מען זוכן דעם זינדיקן ערגעץ אַנדערש ווו ? אָט וואַכט זי דאָך איבער יאַנקלען נאַכט אײַן נאַכט אויס, זי איז זיך דאָך פּשוט מוסר־נפֿש פֿאַר אים, אונדז לאָזט זי אין זײַן שטוב ניט אַרײַן, מיר זאָלן זיך, חלילה, פֿון אים ניט אָננעמען מיט דער שלאָפֿקייט און אַליין שטעלט זי אײַן איר לעבן.

— יאָ, שאָקלט מײַן טאַטע מיטן קאָפּ, יאָ, אפֿשר האָט זי חרטה. אפֿשר, אויב זי וועט זיך אַרויסשלאָגן פֿון קאָפּ דעם אפּיקורס, וואָס האָט איר אַ כּישוף אָנגעטאָן, אפֿשר וועט זיך, אין דעם זכות, דער אייבערשטער מרחם זײַן און שענקען דאָס לעבן מײַן בן־יחיד.

— שווער, פֿאַרגעסט נישט, אַז איר זענט מבֿייש אַ יתום. ער איז דאָך אַ קײַלעכדיקער יתום, נישט געדאַכט זאָל עס זײַן. אפֿשר גאָר פֿאַר־קערט, אפֿשר דאַרפֿט איר זיך מישבֿ זײַן, זיך אַ נדר טאָן מער ניט צו פֿאַרשעמען דעם בחור, געבן אײַער הסכּמה אויף דעם שידוך, אפֿשר וועט אין דעם זכות קומען די ישועה ?...

דער טאַטע לאָזט אַראָפּ זײַן קאָפּ, זיפֿצט טיף אַרײַן אין זײַן גרוילעכער באָרד און נאָך אַ ווײַלע פֿון פּײַנלעכן שטילשווײַגן הייבט ער אויף די פֿאַרווייִנטע אויגן צו גאָט : „זאָל נאָר דער השם יתברך שיקן די רפֿואה שלימה צו מײַן יאַנקעלען, וועל יאָך אם ירצה השם..." — ברעכט זיך מײַן טאַטנס שטים און ער קען ניט פֿאַרענדיקן זײַנע רייד.

מײַן ברודער האָט בעת מעשׂה געקעמפֿט פֿאַר זײַן לעבן, זיך געראַנגלט מיטן מלאך המוות, אים אָבער נישט געקענט גובֿר זײַן און צוזאַמען מיטן אויפֿגייענדיקן מאָרגן אויף דער וועלט איז אויסגעלאָשן געוואָרן זײַן מאָרגן לעולם ועד.

*****

אַ טרויער הויערט פֿון יעדן ווינקל אין דער היים. עס טרויערן מיט אונדז מיט די ווענט פֿון אונדזער וווינונג. אין אבֿילות איז פֿאַרצאָגט

אונדזער גאַנצע משפּחה. יאַנקעלע פֿעלט אונדז אויס אויף טריט און שריט. זײַן שאָטן באַגלייט אונדז און שוועבט אַרום אונדז. דער עיקר וויקלט ער זיך אַרום דעם ווייטיקדיקן טאַטן און דער כּסדר קלאָגנדיקער מאַמען:

— ווי און ווינד איז מיר, נישטאָ מער מײַן יאַנקעלע — האַלט זי אין אײַן פֿאַרברעכן די הענט — געשפּיגלט האָב יאָך זיך אין זײַן שיינעם ליכטיקן פּנים, מײַן צירונג געווען, און שוין, אַזוי יונג פֿון מײַנע אָרעמס אַרויסגעריסן געוואָרן. נישט געהאַט די זכיה, נישט געפּועלט האָבן מײַנע תּפֿילות, נישט געקענט אויסבעטן מײַן אויסגעחלומטן בן־יחיד — יאָמערט די מאַמע, מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ.

אײַנגעהילט אין עצבֿות, פּרובירט זי דער טאַטע טרייסטן:

— ס׳איז מן השמים, חנהלע, אַזוי איז געווען זײַן רצון ער האָט אונדז געגעבן און האָט פֿון אונדז צוריקגענומען — שלינגט ער שטילערהייט די טרערן, וואָס פֿילן אָן זײַנע אומעטיקע אויגן.

ס׳איז שטיל, ס׳איז טויט אין דער וואָכנס, ס׳איז טויט אין די שבתים.

די טעג לויפֿן. שוין אַריבער די „שלושים״, אַריבער אויך די ערשטע יאָרצײַט. דאָס לעבן שטייט נישט אויף אַן אָרט. מײַן שוועסטער ליבעלע, ייִנגער פֿון מיר מיט צוויי יאָר, בליט זיך פֿונאַנדער און טאַטע־מאַמע זעען אײַן, אַז ס׳איז שוין צײַט אַ טראַכט צו טאָן וועגן אַ זיווג פֿאַר איר. על־פּי טראַדיציע גיט מען בײַ חסידים נישט אויס קיין ייִנגערע טאָכטער פֿאַר דער עלטערער. גייען טאַטע־מאַמע אַרום פֿאַרזאָרגט, איך שטיי זיי אין וועג, אַ ביין אין האַלדז.

מײַן שוועסטער שׂרהלע און איר מאַן מאָטל ניצן אויס די געלעגנהייט און וועקן אויף דעם האַרבן ענין: חיהלע און איר ליבע. דער טאַטע פּרובירט זיך נאָך אַלץ אַנטקעגנצושטעלן, וויל זיך נישט בייגן, דער טיפֿער טרויער האָט זײַן שטאָלץ נישט געבראָכן, ער איז נאָך אַלץ דער האַרטער נוס נישט אײַנצובײַסן. דאָס פּנים זײַנס אָבער מסרט אים, אַז ער וואָלט שוין וועלן פּטור ווערן פֿון מיר, חתונה מאַכן און אַן עק זאָל עס נעמען.

אין דער היים הייסט עס נאָך, אַז לאַנדינסקי איז אַ לערער אין ווילנע, אַ ווײַטער מהלך פֿון וואַרשע.

— אויב מען וועט באַשליסן צו שרײַבן תּנאָים — זאָגט מײַן שוואָגער מאָטל, נאָך אַן עצה האַלטן זיך מיט מיר — וועט מען מודיע זײַן דעם בחור און ער וועט קומען צו פֿאָרן.

נאָך אַ לאַנגן ישובֿ־הדעת גייט מײַן טאַטע אײַן, אַז מע זאָל שרײַבן תּנאָים. צו די תּנאָים דאַרף מײַן חתן גלײַך ווי אַלע שוואָגערס, קריגן פֿון

טאַטן אַ גאָלדענעם זייגער. מײַן טאַטע, אָבער, האָט ניט בדעה צו לאָזן זיך קאָסטן פֿאַר אַ חתן, וואָס איך האָב זיך אַליין אויסגעקליבן, טענהט ער:

— וואָסי? אַנדערש איז ער נישט געווינט, דער שׂרה אירער, נאָר אַ גאָלדענער זייגער מיט אַ גאָלדענער קייט? אַן עסק האָב יאַך מיט אים, ער וועט שוין יוצא זײַן אַן דעם.

— דאָס איז אַלץ, וואָס פֿעלט אים? — העלפֿט אים אונטער די מאַמע — וואָס האָט ער איר צו געבן, דער יחסן, ער האָט שוין אַ מאָל אין זײַן לעבן פֿאַרדינט אויף אַ ברליאַנטן פֿינגערל?

איך האָב אָבער אָפּגעמאַכט בײַ זיך, דעם גאָלדענעם זייגער מיט דער גאָלדענער קייט זיי ניט צו שענקען. איך לויף אַוועק צו מײַן חבֿרטע האָדעסל. אירע חסידישע עלטערן און מחותּנים האָבן זי באַהאָנגען מיט בריליאַנטן, בעת זי האָט זיך געלאָזט פֿאַרקנסן צום ישיבֿה־בחור, וועמען זי האָט אַפֿילו ביז צו דער חופּה אויף אירע אויגן ניט געזען. די איינציקע טאָכטער האָט ניט געהאַט קיין כּוח זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם ווילן פֿון אירע פֿאַנאַטישע עלטערן. איך בעט האָדעסלען מיר אויסצובאָרגן איינעם פֿון אירע בריליאַנטענע רינגלעך. זי פֿאַרשטייט מײַן מצבֿ און באַלד פֿינקלט אַראָפּ פֿון מײַן פֿינגער האָדעסלס שיינער בריליאַנט.

מיט אַ געלעכטער פֿאַל איך אַרײַן צו לאָנדינסקין און גיב אים איבער די קאָמעדיע, וואָס איך האָב פֿאַרטראַכט פֿאַר אים צו שפּילן אויף אונדזערע תּנאָים.

— ניין, מײַן טײַערע, דו וועסט עס בײַ מיר ניט פּועלן! וואָס פֿאַלט דיר גאָר אײַן? — ווונדערט ער זיך און בייזערט זיך — אָפּנאַרן דעם טאַטן צוליב אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ גאָלדענער קייט? צו וועלכע גוטע יאָר דאַרף איך דאָס, איך וועל דאָך דאָס סײַ ווי אין מײַן לעבן ניט טראָגן.

— אײַ, ווי דו פֿאַרשטייסט ניט, טויגסט זיך גאָר ניט אויס. אַ מאַנטל דאַרפֿסטו, אַן אָנשטענדיקן אָנצוג צו דער חתונה דאַרפֿסטו, איאָ? מיר וועלן דעם זייגער שפּעטער ווען ניט איז פֿאַרקויפֿן און דאָס געלט פֿאַרניצן פֿאַר וויכטיקע זאַכן.

„ניין, און מער וויל איך וועגן דעם ניט הערן!"

איך לאָז אַראָפּ אַ ברוגזע די נאָז. — ווילסטו, הייסט עס, כ'זאָל זיי נאָכגעבן, זיך לאָזן באַהאַנדלען ווי אַ שטיפֿקינד פֿון מײַנע רײַכע עלטערן. אַלץ, וואָס זיי ווילן, איז אַרויספּטרן מיך פֿון דער היים.

„ס'איז דײַן טאַטע, איך קען דיר ניט שטערן צו האַנדלען מיט אים ווי דיר געפֿעלט, אָבער איך קען עס ניט און וויל עס ניט טאָן".

מיטן בריליאַנטענעם רינגל אויפֿן פֿינגער באַווײַז איך זיך מיט אַ

גדולה אין דער היים און דערציילט מײַנע עלטערן װעגן גליק, װאָס האָט מיך געטראָפֿן, מײַן חתן האָט מיר געשיקט אַ מתנה צו די תּנאים.

טאַטע־מאַמע קוקן מיך אָן מיט חשד. די מאַמע ציט אַראָפּ דאָס רינגל פֿון מײַן פֿינגער, באַטאַפּט עס פֿון אַלע זײַטן, װוּנדערט זיך און סוף כּל סוף שיסט זי אויס:

„ווייס יאָך וואָס, בלישטשען בלישטשעט עס, אָבער ס׳מיז זײַן אַ גלעזל, ווי קימט צי אים אַ בריליאַנט?

— געפּסקנט און שוין אָפּגעפּסלט — פֿיל איך זיך באַליידיקט — ס׳איז אַ ירושה פֿון זײַן מוטער ע״ה. אויב מע וויל וויסן דעם ווערט פֿונעם רינגל, לאָזט מען עס אָפּשאַצן.

דער קוואַליפֿיצירטער שאַצער עפֿנט ברייט זײַנע אויגן, קוקט דורך אַ שפּאָקטיוו, דרייט דעם בריליאַנט אין אַלע זײַטן.

— אָ, וואָ, אָ וואָ, — שאָקלט זיך בײַ אים דער שפּיץ פֿון זײַן געל בערדל — אַזאַ יקר־המציאות, האָב יעך שוין לאַנג אין מײַנע הענט נישט געהאַלטן. אָ, וואָ! — טשמאָטשקעט ער מיט זײַנע דיקלעכע ליפּן — וואָס פֿרעגט עך מעך. עך זעט דען נישט אַליין דעם אבֿן־טובֿ? קיקט ווי עס מיניען זיך אין אים די פֿײַערן, בלוי־ווײַס, אָן אַ פּגם, ס׳פֿאַרבלענדט ממש דאָס אויג.

— ני, אויב אַזוי, לייבל, דאַרף מען אים קויפֿן אַ שיינעם גאָלדענעם זייגער צי די תּנאים, האַ, ווי מיינסטע? — ווענדט זיך די מאַמע, מיט צעשטראַלטע אויגן, צום טאַטן.

דער טאַטע שווײַגט, אַ סימן, אַז ער איז מסכּים. מע האָט אײַנגע־האַנדלט אַ וואַגיקן גאָלדענעם זייגער מיט אַ גאָלדענער קייט, וואָס איך האָב אויסגעקליבן, און דאָס געגעבן לאַנדינסקין בעת די תּנאים. וועגן סילוקן אַ נדן, ווי דער טאַטע פֿלעגט דאָס טאָן מיט אַלע זײַנע טעכטער, טוט ער איצט ניט קיין פּיפּס.

איך זע באַשיימפּערלעך ווי טאַטע־מאַמע זאָרגן ניט פֿאַר מײַן צוקונפֿט, וואָס גיכער ווילן זיי מיך חתונה מאַכן, זיך באַפֿרײַען פֿונעם עול און אחריות, אַרויספּטרן מיך אָן אַ נדן. איך שווײַג, לאָז צוגרייטן דער מאַמען דעם אויסשטײַער פֿאַר מיר. זי קערט וועלטן, לויפֿט אַרום און יאָגט, קויפֿט סחורות, אײַלט די נייטאַרינס, די העפֿטערקעס, די שנײַדערינס. זי טאַ־ראַראַמעוועט: „גיכער, גיכער, איין חודש נאָך געבליבן צי דער חתונה".

איך ווייס די סיבה פֿונעם געאײַל: מען דאַרף הייסן די שדכנים זוכן אַ חתן פֿאַר מײַן יינגערער שוועסטער, צעשלאָג איך זיי זייערע פּלענער און זאָג זיי אָט וואָס:

— וואָס איז ס׳געיעג? וואָס איז די גראַטשקע? וואָס פּאַדעט מען

אַזוי? — פֿרעג איך קאַלטבלוטיק מײַן צעיאָכמערטע מאַמע — איך האָב אַ ניט פֿריילעכע בשׂורה. מע מוז אָפּלייגן דעם זמן פֿון דער חתונה. מע האָט געשלאָסן די שול אין ווילנע און מײַן חתן איז געבליבן אָן אַ פּאָסטן. ער קומט אין גיכן קיין וואַרשע, ער וועט מסתמא דאָ געפֿינען אַרבעט, אָבער דאָס וועט נעמען צײַט. מוזן מיר בכן וואַרטן.

מײַן טאַטע מאַכט יללות. ער וויל באין אופֿן ניט אָפּלייגן דעם זמן פֿון דער חתונה.

— נו, — פֿרעג איך דעם טאַטן — ווו איז יושר? ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ טאַטע זאָל אַזוי אומיושרדיק האַנדלען, וועלן מיך אַרויס־פּטרן אָן נדן? אויב איר זאָרגט ניט פֿאַר מיר, ווי פֿאַר אײַערע אַנדערע טעכטער, מוז איך אַליין פֿאַר מיר זאָרגן. און איך גיי טאַקע אויך אָננעמען אַ שטעלע פֿאַר אַ לערערין. אויב עס פּאַסט פֿאַך אײַך, קען דאָס אויך פּאַסן פֿאַר מיר. (דאָס האָב איך געוווּסט איז די גרעסטע חרפּה פֿאַר מײַן טאַטן).

— קאָמבינאַטאָרקע! — קאָכט זיך דער טאַטע — פֿאַרגלײַכסט זיך צו דײַנע עלטערע שוועסטערס?

— אַוודאי, די ביימער אין וואַלד זענען אויך ניט גלײַך.

— עזות־פּנים די, מיט וואָס נאָך וועסטו מיך סטראַשען? זי וועט אויך זײַן אַ לערערקע! די מיינסט טאַקיש, אַז די האָסט מיך אין דײַנע הענט? זי וועט מיר גאָר זאָגן וואָס יאַך האָב צו טיַען, אַ חוצפּה און אַ עזה דאָס האָט!

— און וואָס בין איך דאָס מחויבֿ זיך מקריבֿ צו זײַן פֿאַר אײַער מיזי־ניקל, ליבעלע? די שדכנים האָבן ניט קיין צײַט, זיי שטייען שוין אין דרויסן מיט פֿולע קעשענעס מיט חתנים פֿאַר איר? מיר, מײַן חתן און איך, האָבן צײַט. מיר וועלן ניט פֿאַרשפּעטיקן צו פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון דער „גילדענער" יויך אין אַ יאָר אַרום.

„אין אַ יאָר אַרים?" — גייט דער טאַטע אַרויס פֿון די כּלים. כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענט פֿאַרן קאָפּ, ס'קאַפּל פֿאַלט אים אַזש אַראָפּ, און ער לויפֿט האַסטיק אַרויס פֿון דער היים.

עטלעכע טעג שפּעטער, ס'איז אַריבער דער שטורעם, האָט זיך מײַן טאַטע מישבֿ געווען און געסילוקט אַ היפּשן נדן און מען פּאָרעט זיך ווײַטער בײַם גרייטן דעם אויסשטײַער. מײַן טאַטע האָט אויך געמוזט מסכּים זײַן, קעגן זײַן ווילן, צו האַלטן אונדז אויף קעסט בײַ אים אין דער היים. איך האָב אים דערקלערט, אַז מיר וועלן מיטן נדן גרינדן אַ פֿאַרלאַג פֿון יידישע ביכער און ביז ס'וועט זיך אײַנשטעלן דאָס געשעפֿט, קענען מיר ניט גיין פֿאַר זיך. דערפֿאַר אָבער האָבן מיר געמוזט אײַנגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס: דער חתן וועט זיך ניט גאָלן און איך וועל טראָגן אַ שייטל.